## עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** ר' לייבל לאם שליט"א איז א חשוב'ער תלמיד חכם וואס וואוינט היינט אין מאנסי, און ער לערנט בחברותא מיט'ן בעל מחבר אליינס, כמעט יעדען טאג אין די גרויסע בית מדרש דא. ר' לייבל איז א שטארקע כח אין זעם קירוב פעלד. ר' לייבל האט לעצטענס דערציילט אן אינטערעסאנטע מעשה וואס איז שייך צו חנוכה.

אמאל איז ר' לייבל גערופן געווארן צו קומען רעדען צו א גרופע פון סטודענטן פון א אוניווערסיטעט אין דעם געגענט ביי זייערע חנוכה מסיבה. דער וואס האט איינגעלאדענט ר' לייבל צו רעדן האט אים געבעטן אז ער זאל שטארק מקצר זיין זיינע דרשה ווייל די בחורים זענען געווען דאך פרייע און זיי האבן נישט געהאט אסאך געדולט.

בקיצור, פארנדיג צו דער מסיבה האט ר' לייבל געטראכט "ווי אזוי קען איך אנרירן דער פינטעלע איד ביי די אידן וואס זענען ליידער אזוי ווייט פון אידישקייט?" באלד דערנאך איך ר' לייבל טאקע אנגעקומען צו דער חנוכה מסיבה. ר' לייבל האט געקוקט אויפן עולם, און עס האט נישט אויסגעקוקט ווי זיי זענען געווען אזוי אינטערעסירט צו הערן א לאנגע דרשה. ער האט געטראכט אז זיין עיקר דרשה וועט זיין דערציילן א מעשה. ר' לייבל האט אינזין געהאט וואס חז"ל זאגן "בראתי יצר הרע ובראתי לו תורה תבלין," (קידושין ל:) איינע פון טייטשען פון דעם איז אז ווען מען רעדט צו מענטשן וואס זענען אינטער דעם שטארקן קאנטראל פונעם יצר הרע ל"ע, דעמאלס מוז דער תורה זיין א געווירץ, ד"ה נישט דער עיקר...

בקיצור, באלד דערנאך האט ר' לייבל אנגעפאנגען צו דערציילן דעם פאלגענדעם חנוכה מעשה פונעם בלוזיווער רבי הרה"צ רבי ישראל שפירא זצ"ל. ער האט אנגעפאנגען צו דערציילן דעם מעשה מיטן גאנצן הארץ...

ווען דער בלוזיווער רבי האט זיך געפונען ליידער אין דעם פארשאלטענעם בערגען בעלזון לאגער, איז געקומען דעם יום טוב פון חנוכה. די צובראכענע אידן האבן צוזאמענגעשטעלט א "מנורה" פון אן אלטע שיך און אביסל מרגרינא און א קנויט פון א שמאטע וכו'. די ערשטע נאכט זענען צוזאמענגעקומען די אידן אין יענע באראק און דער בלוזיווער האט גענומען בענטשן חנוכה לעכט. די ערשטע צוויי ברכות האט ער געמאכט מיט גרויס כוונה, אבער ווען עס איז געקומען צו די לעצטע ברכה "שהחיינו" האט דער רבי נישט געקענט אזוי גרינג זאגן די ווערטער. דער רבי, וואס האט פארלוירן זיין רביצען און 10 קינדער ל"ע מיט אייניקלעך אויך, האט געוואלט מאכן די ברכה "שהחיינו..." מיט'ן גאנצען הארץ, אבער עס איז געווען א נסיון פאר אים. בקיצור, דער רבי איז געקומען צו זיך און ער האט סוף כל סוף געמאכט די ברכה מיט גרויס כוונה און הייסע טרערן.

נאכן צינדען האט איינער פון די פארזאמעלטע געפרעגט דעם רבי'ן ווי אזוי ער האט געקענט מאכן טאקע די "שהחיינו", נאכדעם וואס זיי האט געליטן פון אזוי סאך צרות וכו'.

דער בלוזיווער האט מסביר געווען אז פונקט אזוי ווי די איין "פח" פון אויל איז געבליבן ריין אין דער בית המקדש, אזוי אויך ווערט די פלאם פונעם אידישן נשמה, דער "פינטעלע איד" קיינמאל נישט אויסגעלאשן. "און וועגן דעם, קענען מיר, אפילו דא אין לאגער, מאכן די 'שהחיינו', ווייל אפילו אז די רשעים ימ"ש האבן אלעס חרוב געמאכט, זענען מיר נאך דא, 'חי וקים' און די דייטשע האבן נישט צושטערט די פינטעלע אידו!"

מיט דעם האט ר' לייבל געענדיגט דערציילן דעם מעשה צו די סטודענטן ביי דער מסיבה. די פרייע סטודענטן האבן נישט אויסגעקוקט אזוי אינטערעסירט אין זיין דרשה, און זיי האבן גלייך גענומען פרעסן די דונאטס וכו'. דער מענטש וואס האט איינגעלאדענט ר' לייבל האט אים באדאנקט פארן קומען און ר' לייבל איז אהיימגעפארן נישט וויסענדיג אויב זיינע ווערטער האבן געמאכט א רושם אויף די סטודענטן אדער נישט.

אפאר חדשים שפעטער האט ר' לייבל באקומען א טעלעפאן קאל פון איינעם. "האלו, ראביי לאם? דא רעדט 'סקאט', איר האט גערעדט צו אונז, די סטודענטן ביי די חנוכה מסיבה, אויב איר געדענקט."

"יא איך געדענק..." האט ר' לייבל געענטפערט. נאכדעם ר' לייבל האט געשמועסט אביסל מיט סקאט. ר' לייבל האט נישט געטראפן און אויך נישט אפילו גערעדט מיט סקאט דעמאלס ביי דער מסיבה. דערנאך האט סקאט געזאגט אז ער מוז פערזענליך רעדן מיט ר' לייבל וועגן עפעס. סקאט האט נישט געהאט קיין קאר, וועגן דעם, האט ר' לייבל, דער צדיק וואס ער איז, מסכים געווען צו פארן צו סקאט.

באלד דערנאך האט ר' לייבל זיך אראפגעזעצט מיט סקאט צו רעדען וועגן דעם "פערזענליכע" ענין. אבער, סקאט האט נישט געקענט טרעפן די ווערטער. ר' לייבל האט געזען אז סקאט איז געווען זייער באזארגט און עס איז געווען זייער שווער פאר אים צו זאגן וואס ער האט געוואלט זאגן. ר' לייבל האט אים פרובירט צו בארוגיהן. סוף כל סוף האט סקאט געקענט אנפאנגען צו רעדן: "זייט דיינע דרשה... האב איך נישט געקענט... אויפהערן צו טראכטן... צו טראכטן... וועגן... ג–ט!"

"ברוך השם!" האט ר' לייבל געזאגט. בקיצור, סקאט האט צוביסלעך אנגעפאנגען צו קומען צו ר' לייבל אויף שבת'ים און ימים טובים. ער האט געקויפט תפילין און ער האט אנגעפאנגען צו לערנען תורה מער און מער. דערנאך האט ער א פיינע שידוך געטון און היינט, סקאט הייסט "שלמה" און ער וואוינט אין בארא פארק. ב"ה אז ער איז אן עכטער פרומער איד מיט א פרומע משפחה!

מען קען קיינמאל נישט וויסן וואס מען קען אויפטון מיט "קירוב." בפרט היינט אין די הייליגע לעכטיגע חנוכה טעג, ווען אפילו די אידן וואס זענען זייער ווייט פון אידישקייט, זענען אסאך מאל גרינגערהייט נתעורר פון א גוט ווארט, אדער אויב עס איז מעגליך, א מתנה פון א מנורה מיט לעכט, אדער אפילו א דונאט!

דער בעל תשובה שלמה, וואס האט זיך געפונען אין א רוחניותדיגע פינסטערניש, האט געקענט זיך דערנענטערן צום אייבערשטען אין חנוכה. אויב אזוי, דארפען מיר אלע זיך מחזק זיין אין אונזער עבודת השם, דורך די הייליגע חנוכה לעכט וואס האבן א כח אויפגעלאכטען דעם פינסטערניש אינעם וועלט. גוט שבת אלע אידן.

# א פרייליכען חנוכה אלע אידן

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

<u>מבצע פאר'ן נייען יאר: לעש אויס דעם סעלפון פאר'ן אריינקומען אין שול, כדי עס זאל נישט שטערן דעם דאווענען!</u>